ב"ה
שבת מברכים
שבת מברכים כסלו | ר"ח יום שלישי | המולד יום שני 7:07 | 2 חלק'

# דער בלעטל טיב הקהילה אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**חיי שדה**
**כ"ז מרחשון תשפ"ד**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:08 |
| מוצש"ק | 5:20 |
| ר"ת | 5:59 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 7:57 | סוז"ת א' | 9:06 |
| סוזק"ש ב' | 8:43 | סוז"ת ב' | 9:37 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס: נ"ה
שנה ב'

## טיב המערכת

### –♦ חַיֵּי שָׂרָה ♦–

כָּל מַאן דְּעָבֵיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבֵיד. אלעס וואס דער אויבערשטער טוט, טוט ער צום גוטן. יעדער איינער ווייסט דאס, און מען פראבירט צו גלייבן אז אלעס איז צום גוטן, אפילו אויב צומאל פארשטייט מען נישט וויאזוי, מען כאפט נישט וויאזוי איז די צרה וואס איז געפאלן אויף זיין קאפ איז פאר זיין טובה, און מען איז זיכער גרייט צו דאנקען אויף די 'שלעכטס' ווייל אויף יעדער זאך זענען באשטימט געווארן ברכות. אבער צו פארשטיין? צו מאכן די ברכה 'הטוב והמטיב'? קיין שום לאגיק אויפן וועלט וועט נישט קענען אויפווייזן דעם מענטש אז דאס איז ריכטיג, אויסער די ריינע אמונה אז אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז גוט.

דאס איז אייגנטליך דער מהות פון אמונה. צו גלייבן אין א זאך וואס מען קען נישט זען אדער פארשטיין. ווייל אויב וואלט מען עס געקענט זען אדער פארשטיין, איז דאס נישט קיין אמונה נאר א הבנה, און דאס איז טאקע די אמת'ע שווערקייט, ווען מיט די פליישיגע אויגן זעט אויס די מציאות אזוי ווי עס איז שלעכט, און פונדעסטוועגן גלייבן מיר אז אלעס וואס פאסירט איז נאר פאר אונזער טובה.

אזוי לערנט אונז רש"י אין אונזער פרשה, זאגנדיג אויף די ווערטער "שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה" – 'כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה'. און אין אמת'ן דארף מען פארשטיין, מיילע 'כֻּלָּן שָׁוִין', אבער 'לְטוֹבָה'? וויאזוי קען דאס זיין? זי האט דאך נישט געהאט קיין קינדער ביז זי איז געווען ניינציג יאר אלט, אויך האט זי געהאט נאך צרות, די צרה פון הגר און ישמעאל, די צרה פון פרעה, די צרה פון אבימלך א.א.וו. דאס הייסט ' שָׁוִין לְטוֹבָה'?

און דער ענטפער איז: יא! שרה אמינו האט געגלייבט און געוואוסט אז אלעס איז צום גוטן, און אויך דאס וואס זעט לכאורה אויס ווי עס איז פארקערט דערפון, איז אויך גוט.

ווען מיר וועלן אנקומען אויפן עולם האמת, וועלן מיר אלע איינזען וויאזוי אלעס וואס איז אריבער אויף אונז איז געווען לטובה, און דאס וואס עס פאדערט זיך יעצט פון אונז, איז צו גלייבן.

דאס איז דער פשט אין די ווערטער פון רש"י: "שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה – כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה". שרה אמינו האט נישט געווארט ביז זי וועט אנקומען אויפן עולם האמת כדי צו זען אז אלעס איז צום גוטן, נאר ווען זי איז נאך געווען דא אויפן עולם הזה, אין די הסתרה, האט זי געלעבט אין א מציאות פון 'כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה'.

און דערצו דארף יעדער איד שואף זיין, צו גלייבן און צו לעבן מיט אט די אמונה, אז אלעס איז לטובה.

(עפ"י טיב התורה – חיי שרה)

## טיב הפרשה

# ועתה אם ישכם עושים חסד

## די גרויסקייט פון זיין א 'נותן'?

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר וועגן דער באזוך וואס אליעזר עבד אברהם האט אפגעהאלטן אין חרן צו זוכן א כלה פאר יצחק אבינו.

אין די תוה"ק ווערט אויסגעשמועסט מיט א גרויסע אריכות די גאנצע השתלשלות פון דער שידוך און וויאזוי אליעזר האט גערעדט און וואס ער האט זיי פארגעלייגט און וויאזוי עס איז ענדע געווארן.

מיר ווייסן אז יעדער זאך וואס עס שטייט אין די תוה"ק און בעיקר ווען די תוה"ק איז מרחיב אין איר באהאלט זיך אין איר א כוונה און מען קען ארויסלערנען פון איר אסאך זאכן, און לאמיר זיך דא טאקע שטעלן אויף איינס פון די פסוקים וואס איז א חלק פון די ערציילונג וויאזוי די שידוך איז צושטאנד געקומען ביי יצחק אבינו.

די תוה"ק זאגט אונז אז נאך דעם וואס אליעזר עבד אברהם האט דערציילט די גרויסע עשירות וואס עס איז דא אין שטוב פון אברהם אבינו און אז ער האט אלעס פארשריבן פאר זיין זון יצחק, און ווי רש"י שמועסט אויס האט ער אפילו מיטגעברענגט א שטר וואס איז מעיד אז די גאנצע ירושה פון אברהם גייט אריבערגיין צו יצחק אבינו, הייבט אן אליעזר זיך צו בעטן ביי בתואל און לבן אז זיי זאלן אים צוליב טון און מאכן א חסד און ווי דער לשון הפסוק איז 'ועתה אם ישכם עושים חסד ואמת את אדוני הגידו לי ואם לא הגידו לי ואפנה על ימין או על שמאל'.

דער עבד אברהם בעט זיך ביי בתואל און לבן און ער בעט זיין בקשה מיט א לשון פון 'חסד' און זאגט - אויב איר ווילט טון א חסד?

דער לשון הבקשה מיט א לשון פון 'חסד' איז אביסל אומפארשטענדליך. נאך דעם וואס ער האט דערציילט איבער די עשירות און וויאזוי רבקה גייט ווערן רייך און אויפגעראכטן ווען זי גייט אריינקומען אין שטוב פון אברהם אבינו מיט גשמיות און מיט רוחניות, און אז אויך די ארומיגע משפחה וועט געניסן פון דעם, וואו קומט אריין דא א לשון פון חסד?

נאר ווי געזאגט ליגט דא אין די ווערטער א טיפערער דערהער. ווען אליעזר איז געקומען רעדן צו לבן און צו בתואל איבער זיין האר

>>> | המשך אין עמוד ב' |

**זמנים אויף קבלת קהל און שיחות**
**0534-100024**

**טיב ההודעות**

**מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער**
**אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320**

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אברהם אבינו האט ער נישט נאר גערעדט צו אים איבער די רייכקייט וואס איז דא ביי אברהם אין שטוב, ער האט געהאט דערביי א טיפערע כוונה, ער האט געוואלט דערציילן וואס אברהם אבינו טוט מיט די גרויסע עשירות וואס ער האט.

כידוע איז די וועלט איינגעטיילט אין צוויי מידות. עס איז דא דער 'נוטל' און עס איז דא דער 'נותן' און איידער מען קומט אריין אין אזא שטוב איז וויכטיג אז מען זאל וויסן אז די יסודות פון אברהם אבינו'ס שטוב איז געבויט אויף נתינה, אויף ווי מער געבן, ווייל דאס איז דער מהות פון אברהם אבינו.

ווען אליעזר האט עס געוואלט אויסשמועסן האט ער באטאנט אז נישט נאר פאר עניים איז ער א נותן נאר אז דאס איז זיין כאראקטער, די מהות פון אברהם אבינו'ס שטוב, אז פון צופרי ביז ביינאכט דרייט זיך די לעבן ארום נתינה, און דאס האט ער מדגיש געווען אין די פאקט אז אברהם אבינו האט איבערגעגעבן זיין גאנצער פארמעגן צו יצחק און גארנישט איבערגעלאזט פאר זיך, ווייל פאר זיך דארף ער גארנישט, אז אלעס דרייט זיך ביי אים ארום די כח הנתינה.

נאר נאך דעם וואס אליעזר האט געשפירט אז די נקודה איז געווען קלאר האט ער געפרעגט פאר רבקה צי זי איז אויך אזוי און זיך אויסגעדרוקט מיט די ווערטער 'ועתה אם ישכם עושים חסד'?

מיט די ווערטער האט ער איר געמיינט מרמז צו זיין די שאלה צי איז אויך א בעלת חסד און צי וועט זיין גרייט צו זיין א א נותן אדער נישט, און נאר ווען זי האט צוגעשטימט האט ער פארשטאנען אז זי פאסט זיך אריין אין די שטוב פון אברהם אבינו.

עס קען זיין אז וועגן דעם האט אליעזר געפאדערט פון איר די נקודה ווייל דאס איז א קריטישער יסוד און נאר מיט דעם קען א איד ווערן דבוק אין הקב"ה, און ווי חז"ל זאגן אין די גמרא [סוטה יד] אמר רבי חמא בר חנינא מאי דכתיב [דברים יג] אחרי ה' אלהיכם תלכו? וכי אפשר לו לאדם להלך אחר שכינה? והלא כבר נאמר: (דברים ד) כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא! אלא להלך אחר מדותיו של הקדוש ברוך הוא, מה הוא מלביש ערומים, דכתיב: (בראשית ג) ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם, אף אתה הלבש ערומים; הקדוש ברוך הוא ביקר חולים, דכתיב: (בראשית יח) וירא אליו ה' באלוני ממרא, אף אתה בקר חולים; הקדוש ברוך הוא ניחם אבלים, דכתיב (בראשית כה) ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלהים את יצחק בנו, אף אתה נחם אבלים; הקדוש ברוך הוא קבר מתים, דכתיב: (דברים לד) ויקבר אותו בגיא, אף אתה קבור מתים. עכ"ל הגמ'.

**אין די ווערטער פון די גמרא זעען מיר קלאר אז די איינציגסטע עצה ווי אזוי א איד קען ווערן אמת'דיג דבוק אין הקב"ה איז דורכ'ן זיך מרגיל זיין צו ווערן א נותן, א געבער, נישט א נעמער, ווייל דאס איז דער וועג פון הקב"ה.**

דאס איז א נקודה וואס מען דארף געדענקען און איינ'חזר'ן. עס טרעפט זיך אסאך מאל אז א איד איז ערליך, ער לערנט, ער דאווענט, ער טוט וואס ער דארף צו טון, אבער מיט דעם אלעם איז ער נישט זוכה צו זיין דבוק אין הקב"ה, ווייל ער ווייסט נישט צו זאגן פון די נקודה פון א 'נותן', עס זעט אים אויס אז מען קען זיין אן ערליכער איד און אנקומען צו דביקות אויך אן זיין א נותן, אבער ווי דערמאנט זעט מען פון די גמרא מיט א קלארקייט אז איינס איז געבינדן אין די אנדערע.

עס קען זיין אז צוליב נאך א דערהער האט אליעזר אויסגעשמועסט די תנאי מיט רבקה איידער ער האט געשלאסן די שידוך, ווייל כידוע איז דער יסוד פון א שטוב געבויט אויף נתינה. אויב ביידע קומען אריין אין א שטוב מיט'ן איינציג ציל צו נעמען, יעדער וויל זיין א 'נוטל' און נעמען פון דעם צווייטן וועט מען זיך נישט קענען אויסקומען, אבער דאגעגען אויב עס וועט הערשן אין שטוב א רוח פון נתינה, אז יעדער וויל געבן ווארעמקייט און כבוד פאר'ן צווייטן, איז עס א שטוב פול מיט השראת השכינה און מען לעבט זיך איינער מיט די אנדערע.

די נקודה איז אויך זייער קריטיש ווען עס קומט צו חינוך. אויב די עלטערן וועלן א גאנצן טאג טראכטן וויאזוי זיי קענען געבן פאר די קינדער און געבן איז נישט נאר עסנווארג נאר אויך ווארעמקייט, א גוט ווארט, וועלן די קינדער וואקסן אין א צופרידענע אטמאספער, אבער אויב די גייסט אין שטוב וועט זיין 'נטילה', אז די עלטערן וועלן פון צופרי ביז ביינאכט טראכטן וויאזוי מען קען נעמען און וויאזוי די קינדער קענען זיי געבן און באדינען און פארגריגערן זייער פערזענליכער לעבן, וועט אין שטוב פעלן א געשמאקקייט און די קינדער וועלן וואקסן אומצופרידן און מיט ווייניג שמחה.

זאל השי"ת העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו גיין אין זיינע וועגן, און זיך מדבק זיין אין אים און אין זיינע מידות און זוכה זיין צו שפע רב פון הימל.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## די מאמע איז נישט מוותר

יאר יערליך, ווען עס קומט צוגיין די יארצייט טאג פון מיין מאמע ע"ה וועל איך מקיים זיין דער מנהג ווי מען פירט זיך ביי אידן און זיין דער בעל התפלה ביים עמוד אלע דריי תפילות.

אויך יענער יאר האב איך זיך געגרייט צו צוגיין צום עמוד, אבער צו מיין שלעכטער מזל האב איך זיך יענעם אינדערפרי אויפגעוועקט, הייזעריג, אן א קול.

איך בין געווען אזוי הייזעריג אז איך האב נישט געקענט ארויסרעדן א ווארט פון מויל.

ווען עס איז געקומען צו שחרית האב איך עס דורכגעמאכט אבער טראכטנדיג וועגן מנחה איז מיר געווארן שלעכט אויפ'ן הארץ.

צווישן שחרית און מנחה האב איך כמעט נישט גערעדט, אבער עס האט נישט קיין סאך געהאלפן, איך האב נאך אלץ נישט געקענט רעדן.

איך האב אנגעהויבן טראכטן צו זיך: וואס איז בעסער? אפשר וועט זיין א גרעסערע עילוי נשמה אז כ'זאל נישט דאווענען פאר'ן עמוד, איך קען דאך נישט דאווענען.

אזוי טראכטנדיג וואס איך קען טון איז מיר איינגעפאלן אז כ'זאל אריבערגיין אין די שטיבעלעך און בעטן פון א מנין אידן אז זיי זאלן זיך צושטעלן און שטיין נעבן מיר און אויסהערן ווי אזוי איך דאווען.

איך האב זיך געקווענקלט צי עס איז א גוטער געדאנק אדער נישט. אזוי טראכנדיג פון דעם בין איך אריבער א קליינע שול וואס געפינט זיך נעבן די שטיבלעך און כ'הער ווי מען רופט אויס בקול רם אז מען זוכט א צענטער.

איך האב געטראכט אז כ'וועל אריינגיין און דא וועל איך נאר זאגן א קדיש. איך קום אריין אין שול און מיטאמאל זעה איך ווי אויפ'ן פרוכת פון די ארון הקדוש שטייט אויפגעשריבן אז די פרוכת איז נתנדב געווארן לעילו נשמת מיין מאמע ע"ה און עס שטייט די יארצייט טאג.

דער גבאי האט באמערקט ווי כ'שטיי דארט און כ'קוק אויף די פרוכת, ער האט גלייך צוזאמענגעשטעלט אז עס איז מיין מאמע און אז היינט איז די יארצייט.

"נו, האבן מיר שוין א בעל תפילה".

הערנדיג דאס ווייז איך אים אויף מיין שטימע אבער ער האט נישט געהאלטן ביים אויפגעבן און פון זיך אליין האט ער פארגעשלאגן אז איך זאל דאווענען שטיל און מיר וועלן שטיין נאנט צו אים.

מען האט טאקע אזוי געטון און איך האב געדאווענט און אלע האבן געענטפערט אמן.

איך האב געזען ווי מיין מאמע איז נישט מוותר, זי וויל אז איך זאל דאווענען לעילוי נשמתה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.א.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

ר׳ אברהם אהרנאוויטש זצוק״ל, איז באוואוסט געווען אין ירושלים אלס א פועל ישועות, און פילע זענען געהאלפן געווארן דורך זיינע ברכות. אין ירושלים איז געווען א פרוי, וועלכע פלעגט אפט קומען צום הויז פון ר׳ אברהם און געבענטשט ווערן פון זיין מויל. אין א צייט פון א שמחה, ווי אויך אין צייטן פון א צרה, פלעגט זי ארויפגיין צום הויז פון ר׳ אברהם אין די ״בתי אורנשטיין״ געגנט אין ירושלים, דארט אינעם באשיידענעם הויז, און זי פלעגט דארט אויפגענומען ווערן אזוי ווי אלע אנדערע, און פלעגט באקומען א ברכה אדער דברי חיזוק פונעם צדיק וואס האבן איר אזוי אויסגעפעלט, און זי פלעגט ארויסגיין פון דארט אלעמאל מיט א גוטן געפיל. די ווערטער פון דעם צדיק זענען שטענדיג מקוים געווארן, און זיין תפילה האט זיך נישט צוריקגעקערט ליידיג.

נאך די פטירה פון ר׳ אברהם, האבן אסאך מענטשן געפילט אז זיי האבן פארלוירן א טאטע און א וועגווייזער, און בעיקר האבן זיי פארלוירן אזא הייליגער איד, וועלכער איז געווען א סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה.

א פלומעניק פון די פרוי, איז קראנק געווארן מיט א שווערע מחלה, נאכדעם וואס זיין ברודער איז אוועק פון דער וועלט נאכן ליידן פון די שרעקליכע מחלה. די עלטערן פונעם בחור האבן נישט געשפָּארט קיין געלט אים צו ראטעווען, מען האט געקויפט טייערע מעדעצינען פאר זיינעטוועגן, און די בעסטע דאקטוירים זענען גערופן געווארן צום בעט פונעם בחור, מען האט מסדר געווען ימי תפילה לרפואתו, אבער עס האט אויסגעזען אז די גזירה איז שוין נגזר געווארן, קיין זאך האט ניטש געהאלפן און דער מצב פונעם בחור איז ווייטער געווארן ערגער און ערגער, און ער איז אנגעקומען ממש צו א לעבנסגעפאר.

אלע מיטגלידער פון די משפחה זענען געקומען מחזק זיין די עלטערן פון דעם בחור, וואס עס האט שוין אויסגעזען ווי זיי גייען חלילה פארלירן זייער צווייטן זון. אויך די אויבנדערמאנטע מומע איז געקומען, און זי האט זיי פראבירט בעאיינפלוסן אז זיי זאלן זיך נישט מייאש זיין פון צו בעטן רחמים, נאר זיי זאלן ווייטער מתפלל זיין. מיט טרויער האט זי געטראכט צו זיך אליין: אויב וואלט נאך ר׳ אברהם געלעבט, וואלט ער זיכער מבטל געווען די שלעכטע גזירה, אזא שאד אז ער איז שוין מער נישטא מיט אונז אזוי ווי פריער, מען שפירט טאקע ווי ער פעלט אונז אויס, בעיקר אינדערצייט פון א צרה, ווען אידן דארפן האבן ישועות, אוי, אויב ער וואלט נאר געווען ביים לעבן...

אין די זעלבע נאכט, האט די מומע גע׳חלומ׳ט, ווי זי שטייט אינעם מערת המכפלה, צוזאמען מיט די מאמע פון דער חולה, און זיי וויינען זיך אויס ביי די אבות הקדושים פאר דער חולה. אזוי האבן זיי פראבירט מעורר צו זיין די יְשֵׁנֵי עָפָר פארן חולה וועלכער געפינט זיך אין א שווערן מצב, און נאר א נס קען אים ראטעווען.

פלוצלונג האט זי אויפגעהויבן אירע אויגן צום ארט וואו עס געפינט זיך דער ציון פון אברהם אבינו ע״ה, און אנטקעגן אירע אויגן, ממש העכער די מציבה, האט זי געזען דעם געשטאלט פון רבי אברהם. זי איז צוגעלאפן אהין, און האט גערופן צו אים ״ר׳ אברהם, ר׳ אברהם״, אבער ער האט איר נישט געענטפערט, ער האט איר נאר געוויזן אז זי זאל רופן די מאמע פון דער חולה. די צובראכענע מאמע איז צוגעגאנגען צו אים און האט אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין. זי האט זיך גענומען דערציילן אלעס, איבער דער זון וועלכער איז נפטר געווארן, און וועגן דער צווייטער זון וועלכער איז זייער נישט געזונט, און די דאקטוירים האבן אויפגעגעבן זייער האפענונג, און אזוי ווערט זיין געזונט צושטאנד ערגער און ערגער פון טאג צו טאג, און זי האט מורא אז זי זאל אים נישט פארלירן...

ר׳ אברהם האט מיט א דריי מיטן האנט אוועקגעמאכט אירע ווערטער, און גזאגט: נעמט אוועק יעדן זארג פון אייער הארץ, און פארלאזט אייך נאר אויפן אויבערשטן, ווייל נאר ער איז דער רופא חולים! דערנאך האט ר׳ אברהם פארמאכט זיינע אויגן און אנגעוואונטשן דעם קראנקן, פונקט ווי ער האט

# וַיָּקָם אַבְרָהָם

זיך געפירט ווען ער האט געלעבט, און ווען ער האט געענדיגט, איז זיין געשטאלט פארשוואונדן געווארן.

אינגאנצן איבערראשט, האט זיך די מומע אויפגעוועקט פון איר שלאף, און זי איז געלאפן דערציילן דעם חלום צו די משפחה פונעם קראנקן, זאגנדיג אז זי איז זיכער אז ר׳ אברהם וועט נישט רוען און נישט שווייגן דארטן אויפן עולם האמת, און די ישועה וועט זיכער קומען. נאך אינעם זעלבן וואך האט שוין דער מצב פונעם בחור אנגעהויבן ווערן בעסער, אנדעם וואס די דאקטוירים האבן געקענט פארשטיין וויאזוי דאס איז פלוצלונג געשען, און ביז א קורצער צייט איז דער בחור געווארן אינגאנצן אינגאנצן, קעגן אלע שאנסן.

צו די פרייד פון די משפחה איז נישט געווען קיין גרעניץ, ווען מיט געציילטע חדשים שפעטער האט דער בחור חתונה געהאט, און האט אויך זוכה געווען צו געבוירן א זון.

די מעשה איז שטארק באוואוסט געווארן, און יעדער איינער האט געזען אז צדיקים ווערן אנגערופן לעבעדיג אויך נאך זייער הסתלקות.

->•<-

## מֵהַשֵּׁם יָצָא הַדָּבָר!

**״וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל וַיֹּאמְרוּ, מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר, לֹא נוּכַל דַּבֵּר אֵלֶיךָ רַע אוֹ טוֹב״** (כד, נ).

די גמרא זאגט אין מסכת מועד קטן (יח:) רב האט געזאגט אין נאמען פון רבי ראובן בן אצטרובילי, אז סיי פון די תורה, סיי פון די נביאים און סיי פון די כתובים, זעען מיר אז ״מֵה׳ אִשָּׁה לְאִישׁ״. – מִן הַתּוֹרָה, ווייל עס שטייט אין פסוק ׳וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר׳. מִן הַנְּבִיאִים, ווייל אין פסוק שטייט (שופטים יד, ד) ביי שמשון הגיבור ׳וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה׳ הִיא׳. און מִן הַכְּתוּבִים, ווייל עס שטייט אין פסוק (משלי יט, יד) ׳בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת וּמֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת׳.

פאלגנד וועלן מיר ברענגען א זאמלונג פון געקליבענע ׳טיב המעשיות׳ וואס האבן א שייכות מיט עניני שידוכים, געקליבן פונעם גרויסן ספר פון מורינו ורבינו שליט״א: ״טיב השידוכים״.

->•<-

## דער בחור וואס האט געזוכט א קלוגע כלה...

מיט עטליכע יאר צוריק איז אריינגעקומען צו מיר א חשוב׳ער מענטש פון אמעריקע, און האט פארגעלייגט פאר מיר זיין ווייטאג מיט הייסע טרערן, איבער זיין זון וועלכער לערנט אין איינע פון די חשוב׳ע ישיבות אין ירושלים עיר הקודש, און ער באטייליגט זיך קביעות׳דיג ביי די שיעורים און ביי די וועכנטליכע צוזאמקונפטן, און שוין א לענגערע צייט צוריק איז ער אנגעקומען צום עלטער פון שידוכים, און יעצט איז ער שוין געווארן אן ׳עלטערער בחור׳, וואס שטייט שוין עטליכע יאר אין שידוכים, אבער עס רוקט זיך נישט דערוויל.

מיט זיין חכמה, האט דער איד פארשטאנען אז ער איז אליין שולדיג דערין... און האט זיך אויך מודה געווען דערויף בפה מלא! ער האט מיר ערקלערט, אז אין אנהייב, ווען דער בחור איז אנגעקומען צום עלטער פון שידוכים, פלעגט ער אוועקשטופן יעדע הצעה וואס איז נאר אנגעקומען, און דערפאר ווען דער בחור איז אונטערגעוואקסן האט ער זיך אויך צוגעכאפט צו דעם מהלך, און ער האט אויך אנגעהויבן אפשטופן יעדן שידוך מיט פארשידענע סיבות און נארישע תירוצים... אזוי אז אפילו יעצט ווען דער טאטע פון זיין זייט וואלט שוין געווען גרייט אנצונעמען א הצעה, איז דער בחור דער וואס שטופט אלעס אפ!

האב איך געפרעגט דעם טאטן, אויב איז יעצט דא עפעס א הצעה וואס שטייט על הפרק? האט ער געזאגט, אז עס איז ווירקליך יעצט דא א פארשלאג וואס זעט אויס זייער גוט, אבער נאכדעם וואס דער בחור האט זיך געטראפן מיטן מדוברת, האט ער געמאלדן אז ער וויל נישט טון דעם שידוך!

– אבער ער האט נישט ערקלערט פארוואס...

האב איך אים געבעטן אז ער זאל רופן זיין זון צו מיר, און ווען דער בחור איז אנגעקומען, האב איך אנגעהויבן א געשמאקע שמועס מיט אים איבער די יסודות פון די השקפה אין לעבן אין אלגעמיין, און איבער דאס צוגיין צו א שידוך בפרט, ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער ענין פון דעם שידוך וואס האט זיך יעצט גערעדט פאר אים, און איך האב אים איידעלערהייט געפרעגט, צי ער וואלט מיר געקענט אנטפלעקן פארוואס ער זאגט אפ דעם שידוך?

וויבאלד זיי הארץ האט זיך געעפנט, האט דער בחור געזאגט צו מיר: איך וועל זאגן דעם אמת! איך האב זיך געטראפן מיט איר, אבער צום באדויערן האב איך איינגעזען אז זי איז נישט גענוג קלוג... דעריבער זעט מיר אויס אז דאס איז נישט פאסיג פאר מיר!

האב איך געזאגט צו אים: טייערער בחור! לאמיר מאכן א חשבון! וואספארא אויפגאבע פאדערן מיר פון אט די מיידל? דארף זי דען פירן גאנץ אמעריקע? אדער הערשן איבער גאנץ רוסלאנד? – די גרעסטע דירה וואס מען קויפט היינטיגע צייטן פאר א משפחה, דערגרייכט געווענדליך נישט מער ווי הונדערט און צוואנציג מעטער... איז זי דען נישט גענוג קלוג צו אנפירן מיט א הויז וואס איז גרויס הונדערט און צוואנציג מעטער?

דער בחור איז ערשטוינט געווארן פון די שטארקייט פון די פראגע, וואס שרייט אויס מיט איר אויפריכטיגקייט און אמת, און ער איז געבליבן אן קיין ענטפער!

דער סוף פון די מעשה איז, אז דער בחור האט חתונה געהאט מיט די מיידל אין א מזל׳דיגע שעה, און זיי לעבן צוזאמען בשלום, בשלוה און בשמחה! עס איז זיי שוין געבוירן געווארן עטליכע קינדער, און די פרוי שתחי׳ פירט די שטוב מיט די בינה יתירה וואס דער אויבערשטער האט געשאנקען פאר די פרויען, לשם ולתפארת בית ישראל!

[טיב השידוכים, שער השידוכין פרק רביעי אות ג]

->•<-

## אויף ווי ווייט דארף זיין די חכמה פון די פרוי?

איך האב געהאט א באבע וועלכע איז געווען זייער א טיפזיניגע, און זי פלעגט אלעמאל זאגן בדרך צחות: פאר די קלוגשאפט פון די פרוי איז גענוג אז זי זאל וויסן פון פארשטיין, אז ווען עס לאזט אראפ א גאס־רעגן, גייט מען אריין אונטער א דאך!

– אויב האט זי מער חכמה ווי דעם, ליידט מען שוין דערפון...

פארוואס קוקן מענטשן נאך די צייכענונגען וואס זי האט באקומען אויף אלע אירע בחינות און תעודות, פון כתה א׳ און ווייטער? און אויב האט זי א גוטע צייכענונג אויף די היסטאריע און מאטעמאטיק [חשבון], וועט עס איר דען העלפן אז זי זאל קענען בעסער קאכן לכבוד שבת? אדער וועט זי א דאנק דעם ערציען אירע קינדער מיט מער ערפארנקייט בדרך ישראל סבא? דארף זי דען פארענטפערן א שווערן רמב״ם?

[שם]

->•<-

## פון וואס רעדט מען דא? פון פופציג יאר וואס גייען שנעל אריבער...

צו מיין מחותן, הגה״צ רבי זונדל קרויזער זצ״ל, איז אמאל אריינגקומען אן עלטערער בחור, וועלכער האט זיך געוואלט דורכרעדן מיט אים וועגן א שידוך וואס מען איז אים מציע. דער בחור איז געווען זייער צוטומלט, און פול מיט ספיקות און מחשבות, צי עס לוינט זיך אים אז ער זאל צוגיין צו דעם שידוך, אדער מעגליך וועט ער טרעפן אינעם צוקונפט עפעס א בעסערע הצעה...

ווען רבי זונדל האט געזען ווי שטארק דער בחור איז פארוויקלט אין זיינע ספיקות, און ער טראכט די גאנצע צייט ארום און ארום, האט ער אים געפרעגט: זאג מיר נאר, זיי מוחל, ווי אלט ביסטו?

- זעקס און צוואנציג!

- און ווי לאנג טראכסטו נאך צו זיין דא?

- וואו? האט זיך דער בחור געוואונדערט, נישט פארשטייענדיג די שאלה.

- דא אויף דער וועלט! האט

המשך אין עמוד ד׳

דער רב ערקלערט.
יעצט איז שוין דער בחור אינגאנצן צוטומלט געווארן, נישט פארשטייענדיג די שאלה! וואו וויל דער רב צוקומען מיט זיינע דערדרוקנדע שאלות?

דער רב האט אים אבער נישט געלאזט צו לאנג וואונדערן, און האט אים געגעבן צו פארשטיין וואס ער מיינט: עס שטייט אין פסוק (תהילים צ, י): "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה"! – זעקס און צוואנציג יאר איז שוין דורכגעאנגען... און וויפיל יאר זענען נאך געבליבן? א סך הכל פון פיר און פערציג אדער פיר און פופציג יאר! און דאס פליט דאך שנעל אריבער, ווי אן אויגנבליק! נו, דארף מען דען צוליב דעם ווערן אנגעפילט מיט אזויפיל ספיקות, און איבערדרייען וועלטן?

עס איז דאך נאר אן עוֹלָם עוֹבֵר...

אין אן אנדער געלעגנהייט, האט הגאון רבי חיים קרייזווירט זצ"ל, געברענגט א בחור א יתום פארן גאון רבי זונדל, ערקלערנדיג אז דער בחור מוטשעט זיך זייער מיט שידוכים. האט אים ר' זונדל געפרעגט: פארוואס ווערסטו נאכנישט קיין חתן?

האט דער בחור געענטפערט: ווען די מאמע ע"ה האט נאך געלעבט, זענען אנגעקומען אסאך הצעות, אבער זי האט אלעס אפגעזאגט, און יעצט איז שוין דורכגעאנגען צוויי יאר זינט איר פטירה, און מען האט נאכנישט געטראפן דעם פאסיגן שידוך פאר מיר!

האט רבי זונדל אים שטרענג געזאגט: וויסן זאלסטו, אז די מאמע געפינט זיך טיף אין גיהנם, פאר די עבירה וואס זי האט אפגעזאגט דיינע שידוכים און דיר צוריקגעהאלטן פון מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה! – אויב ווילסטו מאכן נחת רוח פאר איר נשמה און איר ארויסנעמען פונעם גיהנם, זאלסטו אננעמען דעם ערשטן הצעה וואס מען וועט דיר אנטראגן, און דו זאלסט א חתן ווערן וואס פריער! דו מוזט דאס טון פארן תיקון פון דיין מאמע!

און רבי חיים קרייזווירט זצ"ל האט אונטערגעשטראכן צו מיר, אז די ווערטער זענען געזאגט געווארן מיט אן אויסערגעוויינליכע שארפקייט, און אויסערדעם האט ער קיינמאל אזוינס נישט געזען ביי רבי זונדל! און ווען ער האט געפרעגט רבי זונדל וואס איז דער פשט דערפון, האט ער אים ערקלערט אז דאס איז די ריינע אמת!

[פרק חמישי אות ב]

->•<-

## זוכן דעם בעסטן שידוך!

ביים זוכן א שידוך איז אויך דא דער ענין פון "צוברעכן די גאוה"! ווייל מערסטנס טראכט דער מענטש אז ער און זיינע קינדער זענען נאנט צום שלימות, און זענען די פְּאֵר הַמַּעֲלוֹת! אלע עלטערן זענען זיכער אז זייערע קינדער זענען די שענסטע פון די שענסע! ווירקליך, פון זייער זייט איז גוט אזוי, עלטערן מעגן טראכטן אז זייער קינד איז דער בעסטער, מען דארף אבער געדענקען אז אין די זעלבע צייט איז אויך זייער שכן און פריינט זיכער מיט זיך אז זייערע קינדער זענען די שענסטע פון די שענסטע!

אסאך מאל קען מען הערן פון עלטערן וועלכע זוכן א שידוך, ווי זיי בעטן די פאלגנדע פארלאנג: היות זיי זענען געבענטשט געווארן מיט א זון אדער טאכטער וואס זענען זייער אויסערגעווענליך! עפעס מער ווי דער שטייגער... זיי זענען זייער איידל און זענען זייער ספעציעל מיט זייערע מעלות, דעריבער דארף מען געפינען פאר זיי א פאסיגער שידוך! עפעס וואס איז נישט פון די געוועגליכע בחורים אדער מיידלעך וואס מען קען גרינג טרעפן...

אויב מען וועט טיפער אריינטראכטן אין אזא צוגאנג, וועט מען זען וויפיל 'קללה' ליגט באהאלטן אין אט י' 'ברכה', וואס א מענטש בארימט זיך און בלאזט זיך אן צוזאמען מיט זיינע קינדער, האלטנדיג זיי מער חשוב ווי אנדערע!

א חשוב'ער תלמיד חכם האט מיר דערציילט, אז ווען דער אויבערשטער האט אים געגעבן די זכיה און זיינע קינדער שיחיו זענען אנגעקומען צו דער עלטער פון שידוכים, האט ער אלעמאל געזאגט אז זיינע קינדער זענען נישט עפעס עקסטער ספעציעל, און ער זוכט נישט פאר זיי עפעס גאר קנאקעדיג... און ווען דער שדכן איז געקומען צו אים און האט אים געזאגט אז ער האט פאר אים עפעס גאר א באמבעדיגע שידוך! משופרא דשופרא... גרויסע יחסנים... וכו' וכו'. האט ער אים געענטפערט: אה, אזא וואונדערליכער שידוך! איך בעט דיר, טראג עס אן פאר מיין גאר חשוב'ער און טייערער שכן, וויבאלד דאס איז נישט פאר מיר... איך זוך נישט די בעסטע פון יעדן, איך האב אויך נישט עפעס גאר עקסטער... א 'בינוני' איז פונקט גענוג פאר מיר...

לאמיר נאר אריינטראכטן ביי אונז אין קאפ, דעם ריינעם אמת, וואס איז דער סוף פון אזא צוגאנג, אז 'מיין קינד איז גאר עפעס עקסטער'?

אט קומט דער חשוב'ער גביר, און קלויבט זיך אויס אן איידעם, עפעס גאר ספעציעל, וואס יעדער איינער לויבט אים אויס, דאס איז ממש ריין געלד, א לעבעדיגער 'ספר תורה'! אבער, עס גייט נישט דורך מער ווי געציילטע חדשים פון די חתונה, און ער זעט שוין מיט וועמען ער האט צו טון... דאס וואס האט פריער אויסגעזען פונדערווייטנס ווי א שיינענדער בריליאנט, 'דער בעסטער פון אלע עילויים', האט זיך ארויסגעוויזן אלס א פשוט'ער און געוועגליכער מענטש, א איד ווי אלע אידן... און אויסער אלע געוואלדיגע מעלות וואס זיינע חברים און רבי'ס האבן אויסגערעכנט אויף אים, האט ער אויך נישט ווייניג חסרונות, פונקט אזוי ווי זיין ווייב די 'מושלמת'... און פונקט ווי אלע אנדערע משפחה מיטגלידער און אלע מענטשן אויף דער וועלט. דער שווער אליין, איז אבער פול מיט ענטוישונג און דערביטערונג, דאס האב איך דען געמיינט?

וואלט דען נישט געווען בעסער, זיך בכלל נישט אריינצולאזן אין אט דעם גרויסן 'קנאקעדיגן פעלץ'? ווער האט עס דען פארלאנגט פון אים, אז ער זאל אזוי שטארק איבערטרייבן זיין האפענונג און זיין טאכטער'ס האפענונג, אריינצוכאפן עפעס גאר וואונדערליך? און וואס האט ער אמת'דיג פארדינט פון די גאנצע זאך? אויסער אביסל פאלשע כבוד...

א חכם וועלכער איז 'רואה את הנולד', וועט בעסער נעמען א חתן וועלכער איז יעצט אין כלל פון 'בינוני און העכער', און דערנאך וועט ער זען אז אין אמת'ן איז ער איינער פון די מצוינים. – ווי איידער נעמען א חתן וועלכער איז יעצט פון די מצוינים, און שפעטער וועט ער זיך איבערצייגן אז ער איז נישט מער ווי 'בינוני און העכער'...

כ"ק דער בית ישראל פון גור זצוק"ל, האט אמאל געהערט ווי מען לויבט אויס א איד, זאגנדיג אז ער האט א גוט הארץ און איז א בעל מדות טובות וכו'. האט זיך דער בית ישראל מיט זיין חריפות אנגערופן און געזאגט: כדי צו זיכערמאכן אויב עס איז טאקע אמת אז דער איד איז א בעל מדות, דאס קען מען נאר קלארמאכן ביי זיין ווייב, ווייל נאר זי האט קלאר ארויס זיינע מדות... וויבאלד דווקא אינדערהיים ווערט מער נתגלה די אמת'ע פנימיות פונעם מענטש, ווי ער באהערשט זיין גייסט... אבער ווען איינער איז אינדרויסן פון זיין הויז, אין פארנט פון פרעמדע מענטשן, איז גרינג זיך אנצושטעלן א פנים ווי א שמייכלדיגער און בעל מדות און א בעל לב טוב, וויבאלד די אמת'ע מציאות פונעם מענטש ווערט נישט באוואוסט, נאר לויט זיין הנהגה וואס ער האט מיט זיין ווייב אינדערהיים!

אויב אזוי, ווען מען איז מברר וועגן א בחור, און מען טרעפט אויס אז ער איז א ירא שמים, א גוטהארציגער און בעל מדות, ווייסן מיר אבער נישט אויף זיכער אז ער גייט זיך אזוי אויפפירן אינדערהיים, און ווער קען אונז מעיד זיין אז אויך נאך די חתונה וועט ער בלייבן מיטן זעלבן רואיגקייט און שמייכל? דעריבער האבן מיר נישט קיין אנדערע עצה, נאר צו נעמען דעם פאך פון אונזערע עלטערן, גיסנדיג תפילות ותחנונים צום גרויסן באשעפער, אז ער זאל אונז צושיקן די ריכטיגע און בעסטע הצעה.

די בעסטע זאך איז, אז א מענטש זאל זיך נאר האלטן פאר א 'בינוני', אזוי ווי חז"ל זאגן (קידושין מ:) אז אלעמאל זאל זיך א מענטש זען ווי ער איז האלב זַכַּאי און האלב חַיָּב. אויך זאל ער האלטן זיינע זין און טעכטער פאר גוטע 'בינונים', אבער נישט ווי שטארקסטע און בעסטע עילויים... – דאס איז א גוטע און הילפזאמע עצה בשעת'ן ערציען די קינדער, און עס שפאָרט איין אסאך איבעריגע לחץ און עגמת נפש. און בעיקר העלפט עס ביי שידוכים, ווייל ווי מער א מענטש וועט פארמינערן זיין גאוה, און ער וועט זיך האלטן פאר א געוועגליכער מענטש צווישן מענטשן, וועט אים דער גאנצער ענין פון שידוכים גיין אסאך גרינגער.

נאר די וועלכע זענען שוין דורכגעאנגען דעם שטאפל, וועלן קענען מודה זיין ווי ריכטיג עס איז, נאר דער יצר הרע מאכט בלינד די אויגן פונעם מענטש, און מען טוט זיך פארהוילן פון די אמת וועלכע איז אזוי פשוט און קלאר.

דער מענטש וואס האלט זיך פאר די 'עידית שבעידית' פון די ערשטע שורה, איז דאס פאר אים נישט קיין ברכה, נאר א קללה! וְהַמֵּבִין יָבִין.

[שם ג, ג – 'שבירת הגאווה בחיפוש השידוך', זע דארט נאך דְּבָרִים כַּדָּרְבֹנוֹת ש"י משיב דברים נכוחים]

->•<-

## א בהמה איז מען קונה דורך 'משיכה' – אבער נישט א ווייב...

עס האט מיר דערציילט הרה"ח רבי חיים יצחק כהן שליט"א, איבער א בחור וועלכער איז אריינגעגאנגען צום באוואוסטן גאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל מיט א שאלה וועגן א שידוך, און ער האט פאָרגעלייגט פאר אים דער ענין, וואס לכאורה לויט אלעס וואס ער האט געהערט און מברר געווען, זעט עס אויס ווי זייער א גוטע זאך, אבער פונדעסטוועגן 'ציט' עס אים נישט...

האט רבי שלמה זלמן אים געענטפערט מיט א שמייכל: דער קנין פון 'משיכה', ציען, געפינען מיר אין די גמרא (קידושין כב:) כלפי בהמות... ווען דו קויפסט א בהמה און דו שפירסט נישט קיין 'משיכה', איז דאס א ראיה אז עס איז נישט קיין גוטער קנין, אבער ביי מקדש זיין א פרוי העלפט נישט דער קנין פון 'משיכה', דארטן קוקט מען נישט אויב עס 'ציט' דערצו אדער נישט...

[פרק רביעי אות א]

## על הברכה יעמדו

**ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט** | **התורמים להפצת העלון** | **לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב**

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער
נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו
הרב יהודה בן שרה שיינדל
והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל
וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.


גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת מיתוג יח"צ וקידום מכירות 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173